# כענקין, וויקטאָר (וולאַדימיר)

[געב. 20 דעצ. 1883 — געשט. 17 אַפּריל 1953]



כענקין אַלס „חסיד"

**געבוירן 20 דעצעמבער 1883 אין ראָסטאָוו ביים דאָן, רוסלאַנד, אין אַ פּאַרמעגלעכער משפחה. פאָטער — אַ סוחר.**

**אין אַ געשפּרעך מיט אים אין ניו־יאָרק, האָט כ. דערקלערט [אין אונדזער איבערזעצונג]:**

„די סאַמע ערשטע באַמערקונג פון מיינע צוהערער ווען זיי קומען מיך זען הינטער דער בינע, איז „איר מוזט שטאַמען פון אַ שטאַרק רעליגיעזער היים צו קאָנען אַזוי אמתדיק אינטערפּרעטירן אייערע חסידישע לידער". דאָס רופט ביי מיר אַרויס אַ שמייכל, ווייל עס איז ניט ריכטיק. עס איז פונקט פאַרקערט. עס איז אפשר דערפאַר, ווייל איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ שטוב, וווּ יידישקייט איז געווען שוואַך, אפשר טאַקע דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט צו וויסן וואָס מער וועגן מיין פאָלק, זיין געשיכטע, זיין פּאָעזיע, זיינע כאַראַקטערן. דאָס האָט מיך דערפירט, אַז ווו איך האָב נאָר אַ מעגלעכקייט, זאָל איך דאָס שטודירן. ... איך בין אויפגעצויגן געוואָרן צו ווערן אַן אינזשעניר, די באַשעפטיקונג פון מיינע ברידער. אין דער צייט וואָס איך האָב שטודירט אַלס אינזשעניר, פלעג איך ליב האָבן צו זינגען און צו שפּילן טעאַטער. שפּעטער האָב איך שטודירט געזאַנג אין קאָנסערוואַטאָריע און האָב אויסגעפונען, אַז איך האָב אַ גוטע שטימע. מיינע אַמביציעס צו שפּילן זיינען אָבער געווען גרעסער ווי צום זינגען, בין איך דריבער אַריין אין אַ וואַנדערטרופּע. פאַר דער רעוואָלוציע האָב איך געשפּילט אין רוסישע טרופּעס. דערנאָך בין איך אַרומגעפאָרן מיט מיין אייגענער טרופּע. ... איך בין געווען אַ מיטגליד אין דעם סאַמע ערשטן „שאָו־סערי" מיט וועלכן איך בין אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט. ...מיינע צוהערער זיינען געווען מענטשן פון אַלע פעלקער און אַלע קאָלירן. ... אָבער אַממערסטן האָב איך ליב אויפצוטרעטן פאַר אַ יידישן עולם, אָדער על כל פּנים, וואָס באַשטייט פון גרעסטנטייל יידן. די סיבה פאַרוואָס איך האָב ליב אויפצוטרעטן אַמערסטן פאַר אַ יידישן עולם איז דערפאַר, ווייל זיי פאַרשטייען מיך אַמבעסטן. עס איז ניט דערפאַר, וואָס איך זינג אַ סך יידישע לידער. איך זינג אויך אַ סך לידער פון אַנדערע פעלקער. נאַטירלעך ווער איך אַמבעסטן פאַרשטאַנען פון יידן דורך אַזעלכע לידער ווי „שאַ, שאַ, דער רבי גייט שוין טאַנצן", און „אַז דער רבי פאָרט" אָדער ענלעכע. און איך בין ניט איבעראַשט ווען זיי ווערן באַגייסטערט פאַר זיי. זיי שאַצן אָבער אויך אָפּ מער ווי די אַנדערע פעלקער דעם הומאָר פון מיינע רוסישע פּויערים־לידער, דעם פּאַטאָס פון מיינע ציגיינער־לידער און דעם פרייילעכן כוח פון מיינע איטאַליענישע לידער און די דראַמאַטישקייט פון די אַלע לידער. אַ יידישער עולם איז ווי אַ פּיאַנאָ פאַר אַן אַרטיסט. זייער אויפנעם איז ווי דיביינדלעך פון דער פּיאַנאָ אָדער די סטרונעס פון אַ פידל פאַר דעם אַקטיאָר, וואָס שפּילט אויף די אינסטרומענטן. זיי פילן ניט נאָר די טיפערע כוונות פון דעם ליד, נאָר זיי זיינען אויך מבינים אויף די אַלע קליינע באַמערקונגען אָדער אויסטייטשונגען, וואָס דער אַקטיאָר מאַכט מיט די באַוועגונגען פון זיינע הענט, די אויסדרוקן פון זיין פּנים, אָדער די טענער פון זיין קול. גאָרניט גייט פאַרלאָרן ווען מען טרעט אויף פאַר יידן. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַ סך געליטן, דערפאַר, וואָס זיי האָבן שווער געאַרבעט און אַריבערגעטראָגן פאַר יעדער זאַך וואָס זיי פאַרמאָגן, אָדער דערפאַר, וואָס זיי באַזיצן אין זייער אייגענער נשמה אַ סך דערפון וואָס מאַכט איינעם פאַר אַן אַרטיסט. זייער אַפּלאָז איז שטענדיק וואַרעמער און איך האַלט, אַז אַפילו זייער שוייגן איז אויך שטאַרקער ווי דאָס שוייגן פון אַנדערע פעלקער.

איך האָב ענדלעך באַשלאָסן צו געבן אַ פולשטענדיקע פאָרשטעלונג פון מיינע באַליבטע יידישע לידער און סצענקעס, און איך האָב דאָס געטאָן אין פּאַריז. דאָרט האָב איך אויספּלאַנירט, אַליין אָנגעפירט און רעזשיסירט „דעם יידישן שפּיגל", ווו עס זיינען געגעבן געוואָרן נאָר יידישע לידער און קליינע פּיעסן פון יידישן לעבן. די אונטערשטיצער זיינען געווען דורכויס קריסטן. דער „שפּיגל" האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און מיר האָבן אַ לענגערע צייט געשפּילט אין טעאַטער פעמינאָ אויף שאַנס עליזע. דאָס איז געווען אין 1926. מיר האָבן געמאַכט אַזוי גוט, אַז דער גוט־באַקאַנטער אימפּרעסאַריאָ טשאַרלז ב. קאָקראַן, וועלכער האָט אין 1927 געבראַכט אין אַלבערט האָל דעם פּרעכטיקן רוסישן פּראָגראַם פון „באָריס" און „מאָצאַרט און סאַליערי", האָט אונדז אַנגאַזשירט און מיר זיינען אויפגעטראָטן אין פּאַוויליאָן טעאַטער, אין פּיקאַדילי צירק. מיר האָבן געשפּילט דורכויס אויף יידיש און סיי די ענגלישע גוים און סיי די ענגלישע יידן זיינען געקומען אונדז זען. צום באַדויער האָט דאָס מענעדזשמענט מיך ניט געלאָזט ווייטער אַליין אָנפירן און די לאַגע איז געוואָרן שלעכט. איך האָב דעמאָלט אַ געוויסע צייט געשפּילט מיטן „בלויען פויגל", אַזאַ מין די „שאַוו סערי", וואָס אַנדערע האַלטן נאָך פאַר בעסער. מיר האָבן געשפּילט אין אַמעריקע און באַקומען גוטע אָנבאָטן, דאָ צו פאַרבלייבן, אָבער איך וויל ניט איבערייסן מיין קאָנטראַקט מיטן „בלויען פויגל".

אויף דער פראַגע ווו נעם איך מיינע יידישע לידער, קאָן איך ענטפערן, אַז טייל האָב איך גענומען פון ביכער, וואָס האָבן גרויסע אויסוואַלן. איך האָב זיי געזונגען, טיילמאָל אַקצענטירנדיק די ווערטער, טיילמאָל די מוזיק, און האָב שטענדיק זיך באַמיט אַריינצוגעבן אין זיי דראַמאַטישע האַנדלונג. טיילמאָל האָב איך געענדערט די ווערטער, טיילמאָל די מוזיק, אַזוי, אַז ס'איז באמת אַרויסגעקומען אַ ניי ליד. אַנדערע יידישע לידער האָב איך מין אויסגעלערנט דירעקט פון פאָלקס־מויל, און איך פיל, אַז זיי זיינען די סאַמע בעסטע. ווען איך האָב געלעבט אין רוסלאַנד, בין איך אַוועק צום גרויסן יידישן קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל און ער האָט מיר געגעבן איינקע פון זיינע לידער, וועלכע איך האָב גוט איינשטודירט, אָבער איך האָב זיי קיינמאָל ניט גענוצט. פאַרוואָס? זיי זיינען געווען צו קינסטלעך. דאָס זיינען געווען „געמאַכטע" מעלאָדיעס, ניט די קאָמפּאָזיציעס פון יידישן האַרץ און נשמה. בין איך אַוועק צום פאָלק, זיך צוגעהערט ווי זיי זינגען, און דאָרט האָב איך גענומען די פריילעכסטע, די רירנדיקסטע, די

דראַמאַטישסטע לידער. זיי זײַנען געווען אמתדיק און ערלעך און זיי האָבן מיר אינספּירירט בעסער צו שפּילן״.

לויט דער רוסישער „טעאַטראַלער ענציקלאָפּעדיע״, האָט כ. אָנגעהויבן זײַן טעאַטראַלער טעטיקייט אין 1902 אין פעאָדאָסיאַ. דערנאָך האָט ער געשפּילט אין די טעאַטערס פון טאַשקענט, באַקו, ראָסטאָוו ביים דאָן, קיעוו און אַנדערע שטעט. אין 1908 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין טעאַטער „בוף״, אין 1911 האָט ער אָנגעהויבן אויפצוטרעטן אויף דער עסטראַדע אַלס קופּלעטיסט, פאַרלייענער פון דערציילונגען און אַלס אימיטאַטאָר פון באַקאַנטע שוישפּילער. ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך זײַן הומאָריסטישער טאַלענט אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט, און ער איז אין 1926 אָנערקענט געוואָרן אַלס פאָלקס־אַקטיאָר פון סאָוועט־רוסלאַנד.

דעם 17 אַפּריל 1953 איז כ. געשטאָרבן.

אויף דער יידישער גאַס איז כ. באַזונדערס געווען באַליבט פאַר זײַנע אינטערפּרעטאַציעס פון יידישע לידער, וועלכע ער פלעגט טיילמאָל פאַרטראָגן אין קאָסטיום און גרים. זײַנע אַרויסטריטן אין אייראָפּע אין 7־1926 און אין אַמעריקע (1929) זײַנען גע־קרוינט געוואָרן מיט אַ ריזיקן דערפאָלג. אין 1926 האָט ער געשאַפן אין פאַריז דאָס יידישע קליינקונסט־טעאַטער „יידישע־שפּיגל״ מיט וועלכן ער איז אויפגעטראָטן.

כ. האָט רעקאָרדירט זייער אַ סך פון זײַנע לידער אין פאַר־שיידענע שפּראַכן. אין יידיש זײַנען פאַראַן זײַנען פאָלגנדיקע יידישע לידער: „שניידערל״ און „בטלן״, מוזיק פון הענעך קאָן, „דער רבי אלימלך״, „שאַ שטיל״, „שלוש סעודות״, „פריילעכס״, „קדיש״, „בים באַם״, „מאי קא משמע לן״ און אויף העברעיש „איכה״, אַרויסגעגעבן פון „קאָלאָמביאַ״.

**אויסנוצנדיק כ.׳ס אויפטריט אין 1926 אין וואַרשע, האָט אפרים קאַגאַנאָווסקי אין אַ שמועס מיט אים, אים אויסגעפרעגט וועגן דעם קליין־טעאַטער „יידישער שפּיגל״, וואָס איז מיט זײַן איניציאַטיוו געגרינדעט געוואָרן אין פאַריז, ווי אַזוי ס׳איז אַנטשטאַנען און פאַרוואָס עס איז אונטערגעגאַנגען.**

**דערויף האָט כ. דערקלערט:**

„דער געדאַנק זיך צוווידמענען אַ יידיש טעאַטער אין דעם אַרט פון די רוסישע און אייראָפּעישע קליין־טעאַטערן, האָט אים שוין פון לאַנג פאַרפאָלגט. ליידער האָט זיך קיינמאָל ניט אונטער־גערוקט צו דעם קיין געלעגנהייט... די ערשטע קאָנקרעטע באַ־האַנדלונג פון דער פראַגע איז אַנטשטאַנען אין פאַריז נאָכדעם ווי כענקין האָט זיך באַפרייט פון ׳בלויען פויגל׳״.

**אויף ק.׳ס פראַגן איז קלאָר געוואָרן פון כ.׳ס ענטפערס, אַז די אידעע פון אַ יידיש קליינקונסט טעאַטער האָבן זיך גענומען דורכ־פירן דורכויס קריסטן, רוסן. קיין אויסדריקלעכער יידישער שריפט־שטעלער האָט ניט געשאַפן פאַרן „יידישן שפּיגל״. עס זײַנען געווען טייל יידן שרייבער, מאָלער, מוזיקער, אָבער אַזעלכע, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט איבערזעצן אויף יידיש. דאָס טעאַטער „יידישער שפּיגל״ איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ יידיש טעאַטער, אָבער ניט אינגאַנצן״.**

„אַזוי אַרום ווערט קלאָר, אַז דאָס קליין־טעאַטער „יידישער שפּיגל״ אין פאַריז, ביי וועלכן וויקטאָר כענקין איז כמעט געווען דער איינציקער ייד, — שרייבט קאַגאַנאָווסקי — איז אין גייסט געווען אַ **יודאַיסטיש** ווערק. עס האָט געטראָגן די פאַרב און דעם קלאַנג פון די וועלטלעכע אַסימילאַציע־פּירות, געפּרעגלט אויף סי־נאַגאָגע־פוטער, און דער רעטעניש פאַרוואָס אַ יידיש קליין־טעאַטער ביי אַזעלכע סאָלידע אַרטיסטישע לייסטונגען ווי וויקטאָר כענקין, ווי אויך אָנגעזעענע מאָלער, מוזיקער, און אויך אַ זייער טאַלאַנט־פולע אַקטעריסע זשעלינסקאַ וועגן וועלכער כענקין דערציילט, האָט זיך ניט געקאָנט באַהעפטן מיטן יידישן ברייטן עולם, ווערט דער־מיט געלייזט״.

**אפרים קאַגאַנאָווסקי כאַראַקטעריזירט אים אַזוי לויט זײַנעם אַ קאָנצערט:**

„...ווי נאָר כ׳האָב דערזען זײַן קליינע קרעמפּע פיגור, וואָס דערמאָנט אָן די פלינקע יאַפּאַנעזער, דאָס פיין־געשניצטע מויל, וואָס באַוועגט זיך שאַרף און אויסדרוקפול, מיט אַ ריינעם וואַרעמען האַרמאָנישן טעמבער, די הייסע אויסדרוקספולע דרום־אויגן, וואָס האָבן אַ יוגנטלעכן און קלוגן גלאַנץ, איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן דאָס רעטעניש פון דער קינסטלערישער פולקייט, מאָס און געשמאַק, וואָס ליגט אין יעדן נומער זײַנעם.

...צווישן די באַקאַנטע אָפּטיילונגען פון לידער פון בעראַנזשע, קאַווקאַזישע ווי אויך צווישן די לידער פונם לץ, וועלכע וו. כענקין פירט אויס מייסטערהאַפט, האָבן מיר צום ערשטן מאָל אין וואַרשע אין דער ריינער קינסטלערישער אַטמאָספער פון דער קאָנסערוואַ־טאָריע געהאַט דאָס פאַרגניגן צו הערן אַ ריי יידישע פאָלקסלידער, וועלכע כענקין האָט געזונגען מיט פיל פאַרב און כאַראַקטער. צו די לידער איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלט האָלענדיש־יידישן קאָסטיום פון מאָלער האַזיאַסאָן. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער אויסוואַל פון די יידישע לידער האָט ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן די מאָנומענטאַלע וואָג פון אַזאַ קלאַסישן קאָסטיום. צום בײַשפּיל דאָס ליד „שאַ־שטיל״ איז ניט קיין חסידיש ליד, נאָר גיכער אַ צוגעטראַכט, אַפּיקורסיש אָפּלאַך־ליד, ווי אויך דער צווייטער פערז פון לידל „שטייט אַ בוים״, וואָס ענדיקט זיך: „פאַרט אַ ייד קיין א״י מיט צעריסענע הויזן״, וואָס איז אויך ניט אויטענטיש, האָט אַביסל געריסן די רעמבראַנדט־רײַכקייט פונם קאָסטיום.

דאָס יידישע פאָלקסליד־וועזן ווייסט פון לידער, וואָס האָבן די ווערטפולקייט אין וואָג, וואָס וואָלטן צו כענקינס פּראַכטפולן קאָס־טיום בעסער געפּאַסט. מען דאַרף צוגעבן, אַז כענקינס באַטאָנונג און שפּיל, וואָס ליגט אין יעדער זאַץ, איז קונסט. איך וואָלט גע־וווּנטשן אַלע אונדזערע יידישע אַרטיסטן דעם טאַקט, געשמאַק, געפיל פאַר מאָס און פאָרם, וואָס עס פאַרמאָגט דער עכטער אַרטיסט פון דער **יידישער** עלעגיע און רוסישער קינסטלערישער **אויפריכ־ריכטיקייט** וויקטאָר כענקין״.

**הענעך קאָן ווייזט אָן, אַז נאָך אַ הפסקה פון כמעט 4 יאָר איז כ. ווידער געקומען אין פּוילן און ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין איין סעזאָן האָט ער אין וואַרשע געגעבן 18 קאָנצערטן, אין לאָדזש 10 און אויף דער פּראָווינץ איבער 30 קאָנצערטן:**

„זײַן טורנעע איבער דער גאָרער וועלט האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אוצרות פון פאָלקס־שאַפונגען ביי פאַרשיידענע פעלקער. ער האָט אָנגעקניפּט באַציונגען מיט פאַרשיידענע מאָלער און מחיקער, באַרייכערט זײַן רעפּערטואַר מיט נייע אינטערעסאַנטע לידער פון אַ נייעם זשאַנר.

איצט האָבן מיר פאַר זיך אַ רייפן מייסטער, וואָס פאַרשטייט אַרײַנצודרינגען אין דער נשמה פון יעדן פאָלקס־ליד. יעדעס ליד ווערט פון אים פּרעציז אויסמאָדולירט, און ווי אַן אמתער סקולפּ־טאָר העמערט ער און ציזילירט עס אויס ביז עס באַקומט דעם

כענקין איז ניט קיין אַקוואַרעל־מאָלער, ער זוכט ניט קיין האַלבע טענער פון שטימונגען. ער צייכנט מיט אַ ברייטער האַנט, מיט אויל־פאַרבן. ער נעמט און גיט אָפּ אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגע־שפּאַרט. דערין באַשטייט די זאַפטיקייט און רייכקייט פון זיין שפּילן.

וולאַדימיר יאַקאָוולעוויטש איז סיי אַן אַקטיאָר, סיי אַן אויס־געצייכנטער בירגער. דאָס געפיל פון סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם דעפינירט אַלץ אי אין זיין געזעלשאַפטלעכן, אי אין זיין שעפערישן לעבן. זיין געלעכטער איז אַ געווער אין אונדזער געמיינזאַמען קאַמף קעגן פיליסטעריזם, אין דעם קאַמף פאַר מאָראַלישער זוי־בערקייט און פאַרן גייסטיקן געזונט פון די סאָוויעטישע מענטשן״.

„טעאַטער ענציקלאָפּעדיע״ [אין רוסיש], מאָסקווע, פינפטער באַנד, 1967, זז. 602־601.

אפרים קאַגאַנאָווסקי — וויקטאָר כענקין, „ליטב״ל״, וואַרשע, נ׳ 36, 1926.

הענעך קאָן — וויקטאָר כענקין, דאָרט, נ׳ 23, 1931.

מאָררים מייער — „יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן״, לאָנדאָן, 1942, ז. 333.

שלוימע מיכאָעלס — „אַרטיקלען, שמועסן, רעדעס״, בוענאָס איירעס, 1961, זז. 210־209.

## קאַפּלער־לעמקאָוו [יעקב?]

זיין ערשטער נאָמען זאָל זיין יעקב. לויט בערנאַרד פישמאַן איז ער געבוירן אין בוקאַרעסט, רומעניע. לויט יחיאל לאַנדוי איז ער געבוירן אין ענגלאַנד, נאָר די עלטערן האָבן זיך איבערגעטראָגן מיט אים קיין רומעניע, וווּ ער האָט באַקומען זיין דערציִונג. ער האָט גוט גערעדט **רוסיש**.

אויף דער יידישער בינע האָט ער זיך גערופן קאַפּלער, אָבער אויף דער ענגלישער — לויט פערדינאַנד שטויב — איוואַן לעמ־קאָוו. לויט ב. פישמאַן האָט ער זיך אויף דער ענגלישער בינע גערופן דזשעק ריינהאַלץ און פלעגט שפּילן אינטריגאַנטן־ראָלן.

ק. האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, די טאָכטער פון אַ טעַ־אַטער־דירעקטאָר, און ווי יאָסל טשיזשיק גיט איבער, פלעגט ער ממש בעטלען צווישן די קריסטלעכע אַקטיאָרן. ער איז פולשטענ־דיק בלינד געוואָרן און געשטאָרבן אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד.

מ. ע. פון פערדינאַנד שטויב, יחיאל לאַנדוי, יאָסל טשיזשיק און בערנאַרד פישמאַן.

## קאַפּעלמאַן, יאָסעף

געבוירן 1893 אין וואַרשע, פוילן. פאָטער — אַ סטאָליאַר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, שפּעטער, אין דער היים, אַלס אויטאָדידאַקט, אַלגעמיינע בילדונג.

אין עלטער פון 12 יאָר זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט די ברידער אַדאָלף און הערמאַן פעניגשטיין, אין אַ קינדער־קאָלעקטיוו א״ר פון מאַרק מייערסאָן, דעביוטירנדיק אַלס „שדכן״ אין „הערצעלע מיוחס״. אין 1910 — פּראָפעסיאָנעל גענומען שפּילן אין ראַפּעלס טרופּע אין „עליזעום״, פריער אַלס „דער נאַרישער חתן״ אין „דער יחסן״, דערנאָך „שמואל גאָלצעס״ און „די יידישע נשמה״ און די ראָל פון פאָטער אין „די גאָלדענע חתונה״. 1912 — מיטגעפאָרן מיט ראַפּעלס טרופּע קיין אָדעס, וווּ ער שפּילט „דעם פאַרמער״ אין „די אַמעריקאַנערין״, דעם „קעניג״ אין „פאַר 400 יאָר״, „אַל־וואַרעז״ אין „שבת קודש״ און „איצ׳קל״ אין „די געצוווּנגענע חתונה״. צוליב פריזיוו אַריבער אין 1914 קיין פינסק אין שוואַרצ־באַרדס טרופּע און אַ קורצע צייט שפּעטער אָרגאַניזירט ק. אַ חברים־טרופּע מיטן אַנטייל פון משה זילבערקאַסטן און שרה פיביך, וואָס פאַרייניקט זיך דערנאָך מיטן קאָלעקטיוו א״א פון שטאָקמעדער און מיאַדאָווניק, וועלכע מאַכט אַ טורנעע איבער די שטעט פון אוראַל און סיביר.

אין דער פעברואַר־רעוואָלוציע ווערט ק. פאַרבעטן קיין כאַרקאָוו צו ליפּאָווסקין, אָבער אויפן וועג באַגעגנט ער די חברים־טרופּע מיט מנחם רובין און מישע אַפּעלבוים אין דער שפּיץ און טרעט דאָרט אַריין. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווערט ק. פאַרבעטן אין דער טרופּע אונטער דער דירעקציע פון סעגאַל־ליכטמאַן קיין פינסק און שפּילט דאָרט א״ר פון אַברהם טייטעלבוים די ראָל „מאַקס״ אין „פּראָוואָקאַטאָר״ און „אוריאל מזיק״ אין „גאָט, מענטש און טייוול״. ווערנדיק אַרויסגעטריבן פון מינסק, אָרגאַניזירט ק. אַ חברים־טרופּע מיט וועלכער ער פאָרט אַרום איבער אוקראַיִנע.

ווען דעניקינס ווייסע גוואַרדיע פאַרכאַפּט יעקאַטערינאָסלאַוו, פאָרט ק. מיטן קאָלעקטיוו קיין גרוזיע, וווּ זיי שפּילן אין די גרע־סערע צענטערס, אָבער אַ יאָר שפּעטער קערט ער זיך צוריק קיין אוקראַיִנע.

אין 1923 אָרגאַניזירט דאָרט ק. אַ נייעם קאָלעקטיוו א״נ פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און שפּילט די הויפּטראָלן אין די פּיעסן: „טוביה דער מילכיקער״, „מאָטקע גנב״, „די רויבער״, „קרייצער סאָנאַטאַ״, „סאַפאָ״, „דער פרעמדער״.

אין 1929 טרעט ק. אַריין אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה טעאַטער פון אוקראַיִנע און אין 1932 איז ער איינער פון די טיכ־טיקסטע גרינדער פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין באַקו. אין 1939 גייט ק. איבער אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 1941, בעת דער סאָוויעטיש־נאַצישער מלחמה גייט ק. צייטווייליק איבער צו דער רוסישער בינע, אָבער נאָך דער מלחמה טרעט ער אַריין אין קיעווער יידישן מלוכה־טעאַטער א״נ פון שלום־עליכם.

ש. ע. פון יהושע ליובאָמירסקי.

## קאַפּעלמאַן, סאָניע [יאָפּע]

געבוירן 1903 אין טשערקאָס, קיעווער גוב., אוקראַיִנע.

פאָטער — אַן אַרבעטער. אין 1910 אַריבער מיט דער פאַמי־ליע קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, וווּ זי האָט באַקומען איר אויסביל־דונג. אין 1916 אַריין אַרבעטן אין אַ קאַרטאָן־פאַבריק און גלייכ־צייטיק באַזוכט אָוונט־קורסן. אין 1918 געוואָרן אַ מיטגליד אין אַן אָרטיקן יידישן דראַמקרייז, וווּ זי ווערט באַלד זייער אַקטיוו. אין 1920 אַריינגעטראָטן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו מיט וועלכן זי איז געפאָרן קיין באַקו, וווּ זי שפּילט צוויי יאָר און פאָרט דערנאָך מיט דעם קאָלעקטיוו קיין מאָסקווע, וווּ זי שפּילט ביז 1923.

ביז 1929 איז ק. טעטיק אין אַ יידישן באַוועגלעכן טעאַטער־קאָלעקטיוו אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און צום סוף יאָר ווערט זי אַריינגענומען אין ערשטן יידישן באַוועגלעכן מלוכה־טעאַטער פון אוקראַיִנע, וווּ זי שפּילט ביז 1932. אין 1933 שליסט זי זיך אָן אין אָרגאַניזירן אַ יידיש אַרבעטער־טעאַטער אין באַקו, וווּ זי שפּילט 7 יאָר. דאָ ווערט זי די פירנדיקע אַקטריסע אין דעם אַנסאַמבל, און פאַרקערפּערט די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן, צווישן אַנדערע „לאַורענסיע״ אין לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסנ־קוואַל״, „יהודית״ אין „אוריאל אַקאָסטאַ״, „אַמאַליע״ (שילערס